# צום פינטל

גליון מג

פרשת כי תבא תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

## משגה עור בדרך

### משגה עור – שוגג וטעות

אין די פרשה שטייט (דברים כז יח) "אָרוּר מַשְׁגֶּה עִוֵּר בַּדָּרֶךְ וְאָמַר כָּל הָעָם אָמֵן", מ'זאל נישט אויס'נער'ן א בלינדער אין זיין וועג. יש לחקור וואס מיינט 'עיור' און וואס מיינט 'דרך', א פיזישע 'עיור' און א פיזישע 'דרך', אדער מיינט 'עיור' א בלינדער אין זיינע ענינים, און 'דרך' מיינט א 'מהלך' און א 'צוגאנג' פונעם מענטש אין זיינע ענינים.

אין פרשת קדושים (ויקרא יט יד) איז דא די 'לא תעשה' פון 'לפני עור לא תתן מכשול', ס'איז באקאנט אז די כותים טייטשן די פסוק כפשוטו, אז מ'רעדט פון א בלינדער וואס מ'שטעלט אים אונטער א פיסל, מ'לייגט אים אונטער א 'מכשול גשמי' אין זיין וועג. אבער די הייליגע חז"ל טייטשן אז דאס מיינט א 'עיור בדרכו', 'א בלינדער אין זיין וועג', ער זוכט א עצה אין זיינע ענינים און מ'געט אים א שלעכטע עצה, 'משיאו עצה שאינו הוגנת'.

ס'איז דא אחרונים (תו"ת קדושים פי"ט אות פ', משנה למלך מלוה ולוה פרק ד) וואס זאגען, אז אפילו לויט די חז"ל אז 'לפני עור' איז נישט כפשוטו, אבער אונזער פסוק 'ארור משגה עור בדרך', דאס איז זוכער 'כפשוטו' אז מ'שטרויכלט דעם 'עיור' אין זיין וועג. אבער אין חז"ל און אין רש"י הק' זעהט מען אז אויך אונזער פסוק 'משגה עור בדרך', טייטשט מען אזוי ווי די פסוק 'לפני עור לא תתן מכשול', און ביידע פסוקים רעדן זיך פון געבן א שלעכטע עצה.

אז מ'טראכט אריין וועט מען זעהן אז באמת אונזער פסוק 'משגה עור בדרך', איז אסאך מער משמע ווי די חז"ל אז דאס מיינט 'געבן א שלעכטע עצה', ווייל די פשוט'ע טייטש פון 'משגה עור' איז 'שוגג וטעות', און די תורה הקדושה זאגט, זיי נישט 'משגה' דעם 'עיור', שפיל אים נישט אויס אין זיין וועג. די תורה רעדט בכלל נישט פון 'מזיק' זיין מיטן אונטערשטעלן א פיסל, די תורה רעדט פון אים אפ'נער'ן פון אנצוקומען צו זיין 'תכלית' ווי ער וויל אנקומען.

ס'איז זייער שווער פאר א מענטש צו העלפן יענעם ריכטיג מיט זיינע 'גאולס', באמת מיט גיין מיט יענעם און צוהעלפן פון די זייט, ס'איז אסאך גרינגער עס אוועק צו מאכן. אזוי ווי מ'זעהט אז מענטשן דארפן צאלן אסאך געלט פאר 'קאוטשינג' וכדומה, ווייל זיי לעכצן אז איינער זאל זיי בעקן ריכטיג מיט זייערע 'גאולס'

איז ממילא אפילו מ'וועט זאגען אז 'עיור' מיינט א בלינדער ממש, איז אבער נישט די נקודה אז דער בלינדער איז געשטרויכלט געווארן, אז ער איז אראפגעפאלן און זיך צו'מזיק'ט, נאר אז ער איז געשטערט געווארן פון אנצוקומען צו זיין וועג, מ'האט אם פאר'נער'ט פונעם ריכטיגען וועג, ער איז געשטערט געווארן פון זיין ציל און 'תכלית'. ענדליך צו וואס די פסוק זאגט אין משלי (כח י), 'משגה ישרים בדרך רע', ער פאר'נער'ט די 'ישרים' צו גיין אויפן נישט ריכטיגען וועג, אזוי אויך דא מיינט עס, אז מ'האט פאר'נער'ט דעם בלינדן פונעם ריכטיגען וועג (די פסוק 'והיתם משוגע', איז לכאורה אויך פון די לשון פון 'משגה ושוגג', וואס מיינט א טעות, והבן).

איז ממילא סיי א בלינדר ממש, און סיי א בלינדר אין זיינע ענינים, ביידע זענען די זעלבע אינעם משמעות הפסוק פון 'ארור משגה עור בדרך', און ביי ביידע איז מען עובר דעם איסור פון 'משגה עור', און דאס וויבאלד מ'האט זיי געשטערט פון אנצוקומען צו זייער תכלית, מ'האט זיי געשטערט צו ענדיגען זייער וועג.

און ווי באקאנט איז דא אין דעם גרויסע נסיונות, ס'איז זייער שווער פאר א מענטש צו העלפן יענעם ריכטיג מיט זיינע 'גאולס', באמת מיט גיין מיט יענעם און צוהעלפן פון די זייט, ס'איז אסאך גרינגער עס אוועק צו מאכן. אזוי ווי מ'זעהט אז מענטשן דארפן צאלן אסאך געלט פאר 'קאוטשינג' וכדומה, ווייל זיי לעכצן אז איינער זאל זיי בעקן ריכטיג מיט זייערע 'גאולס'.

### מכשול גשמי

אין פרשת קדושים ביי די פסוק 'לפני עור לא תתן מכשול', טייטשן די חז"ל אז ס'מיינט געבן א שלעכטע עצה, איז דא דארטן א גרויסע מחלוקת אין די אחרונים, וואס וועט זיין די דין ביי א 'עוור ממש', צו מכשיל זיין א בלינדער ממש צו דאס איז אויך אין כלל פונעם איסור פון 'לפני עור לא תתן מכשול', ווייל לויט די חז"ל אז מ'רעדט פון 'משיאו עצה שאינו הוגנת', קען זיין אז 'עיור' מיט א 'מכשול גשמי', איז נישט אין כלל פונעם איסור.

דער משך חכמה (ויקרא יט יד) ר' יוסף ענגיל (גליוני הש"ס עז כא עא) און נאך אחרונים (ראה משכיל לדוד קדושים שם) האלטן, אז א בלינדער וואס מ'איז

המשך בעמוד הבא

מכשיל מיט א 'מכשול גשמי', איז אודאי אינעם כלל פונעם איסור, די חז"ל זענען נאר געקומען מוסיף זיין, אז א געבן א 'עצה שאינה הוגנת' איז אויך אינעם כלל פונעם איסור, אבער פון די פשטות קען מען נישט אוועק גיין, און אודאי רעדט מען אויך פון א בלינדער ממש (וכן דעת המנחת פתים או"ח סי' קנ"ו, שחולק על הב"ח, ויש לציין לקהלות יעקב ב"ק סי' א' שהביא דברי המשך חכמה, ועי' גם בחזו"א יו"ד סי' ס"ב אות ז' שגם כן דעתו כהמשך חכמה).

אבער דער ב"ח און נאך פיל (מנחת חינוך מצוה רלב - אות ד, גרי"פ פערלא סה"מ לרס"ג ל"ת נה) האלטן, אז א בלינדער מיט א 'מכשול גשמי' איז בכלל נישט קיין איסור, ווייל אויב איז דאס אויף א אופן פון א 'בור ברשות הרבים', באלאנגט דאך דאס צו הלכות נזיקין, און סתם א 'מכשול גשמי' איז דאך נאר א 'גורם', ממילא איז א 'עוור ממש' מיט א 'מכשול גשמי', בכלל נישט קיין איסור לויט זיי.

איז אונזער פסוק 'ארור משגה עור בדרך', איז שטארק משמע ווי דער ב"ח ודעימיה, אז א 'עיור' ממש וואס מ'איז מכשיל מיט א 'מכשול גשמי', איז בכלל נישט קיין איסור, ווייל די טייטש פון 'משגה' איז אויס'נער'ן און צומישן, וואס דאס מיינט אז די געבסט אים א שלעכטע עצה, די פאר'נער'סט אים און צומישט אים פון אנצוקומען ווי ער דארף אנקומען, וואס דאס איז ממש די ענין פון 'עצה שאינו הוגנת'. און סיי אויב מ'האט אים צומישט אויפן וועג ממש, און סיי אויב מ'האט אים צומישט אין זיינע ענינים, ביידע איז די זעלבע נקודה אז מ'האט געשטערט א מענטש אנצוקומען צו זיין ציל.

און ס'איז יתכן אז פון אונזער פסוק האבן די חז"ל געגומען אפצולערנן אויך אויף די פסוק 'לפני עור לא תתן מכשול', אז א 'מכשול' מיינט געבן א שלעכטע עצה, 'משיאו עצה שאינו הוגנת', ווייל דאס ליגט אין די משמעות פון 'משגה' לשון 'שוגג וטעות', אזוי ווי געשמועסט.

און אפילו מ'וועט טייטשן די פסוק 'לפני עור', א 'עור ממש' מיט א 'מכשול גשמי', וועט נישט זיין די פראבלעם אלץ די היזק גשמי וואס דער 'עיור' איז אראפגעפאלן, נאר אז דער 'עיור' האט נישט געקענט ווייטער גיין און ער איז נישט אנגעקומען צו ווי ער האט געוואלט. די האסט אים 'מכשיל' געווען אין זיין וועג, 'משגה עור בדרך', די האסט אים אויסגע'נער'ט אין די וועג ווי ער איז געגאנגען, די האסט אים געשטערט אנצוקומען צו זיין 'תכלית' און צו זיין 'גאול'.

און דאס איז די לשונות פון 'מכשול' אין אסאך פסוקי תנ"ך, מ'רעדט אלץ פון א 'מכשול' אויף די וועגן, סיי א גשמיות'דיגע מכשול אין א גשמיות'דיגע וועג, שטיינער וכדומה, אדער א שלעכטע עצה אים צו שטערן פון ווי ער וויל אנקומען, ביידע זענען אין כלל פון 'מכשול', ביידע זענען מכשולים וואס שטערן פון אנצוקומען צו דער 'תכלית' וואס דער מענטש האט זיך אוועק געשטעלט.

די פוסקים זאגען אז די איסור פון 'לפני עור' איז אויף די עצם אויס'נער'ן, אפילו יענער האט למעשה נישט געטוהן די עצה, די עצם זאך אז די האסט יענעם אויסגע'נער'ט, די האסט במזיד פארדעקט פון יענעם פון צו כאפן די אמת, איז אפילו אויב למעשה האט עס יענער נישט געטוהן, ביסטו עובר אלץ די עצם אויסנער'ן אליין. און ס'הייסט נישט קיין 'גרמא' ווייל דאס גופא איז די איסור, די עצם 'עצה רעה' איז די איסור.

און דאס איז אויך דער איסור פון א מכשיל זיין א יוד מיט א עבירה, ווייל יעדער יוד האט א וועג מיט א 'תכלית' ווי ער דארף אנקומען, און ווען מ'איז אים מכשיל מיט א איסור, שטערט מען אים פון אנצוקומען צו זיין ציל (און אפילו ער טוט די עבירה ב'מזיד', ווייל די תורה ומצוות זענען בהסתר אויף דער וועלט, און אז די העלפסט אים אין זיינע עבירה הייסט עס ווי די האסט אים פאר'נער'ט, ווייל אויך א 'מזיד' קען זיין אין די גדר פון 'מושגה' וטעות).

## ◆ א 'דרך' איז בחזקת סכנה

דער מושג 'דרך' טרעפט מען אסאך אויף א 'משל' פאר א 'גאול' וואס א מענטש מאכט פאר זיך, כדי אנצוקומען צו א 'תכלית', יעדער האט זיך זיין 'תכלית' וואס שטייט אים פאר די אויגען, און יעדער ארבעט שווער צו טרעפן די וועג אנצוקומען אהין. מ'זעהט א גוטע תכלית, א גוטע ביזנעס וכדומה, אבער מ'האט נישט די עצות און די יכולות אנצוקומען אהין. איז אויפדעם אדער ענדליך צו דעם, זאגט די תורה הקודש א 'ארור', נישט צו שטערן יענעם אין זיין גאול, נישט צו שטערן יענעם אין זיינע עצות, נאר אדרבא אים ארויס העלפן.

די חז"ל זאגען 'כל הדרכים בחזקת סכנה'. וואס דאס איז נישט נאר ביי גשמיות'דיגע וועגן, נאר יעדער 'גאול און 'תכלית' וואס א מענטש האט, איז דאס א מצב פון א 'דרך' וואס ס'זאגט זיך ביי דעם 'כל הדרכים בחזקת סכנה'. אויף די וועגען צווישן איין מצב און צווייטן, א טויש פון א ארבעטער צו א ביזנעס וכדומה, פעלער וואס דארפן א ספעציעלע סייעתא דשמיא אדורעך צו ברעכן און אנקומען ווי מ'וויל.

און דאס אלעס איז די מצוות התורה נישט צו שטערן יענעם פון זיין 'גאול' און 'תכלית', 'ארור משגה עור בדרך', אויב האסטו באמת אינזונען יענעם צו העלפן מיט א עצה טובה, איז גוט, אבער טאמער ווילסטו יענעם שטערן פון זיין 'גאול', ביסטו עובר אויף דעם 'ארור'. קיינער ווייסט טאקע נישט צו די האסט אינזונען געהאט יענעם צו שטערן, אדער די האסט אים באמת געוואלט העלפן, אבער דער אייבישטער ווייסט יא, און דאס איז דער איסור פון 'ארור משגה עור', ווי די מפרשים זאגען אז די 'ארורים' איז אויף 'דברים שבסתר'.

און אויב ווען מ'שטערט איינעם פון זיין 'גאול' איז דא א 'ארור' ח"ו, איז כל שכן אז מ'העלפט א יוד מיט זיינע 'גאולס', איז מען מתקן דעם הארבן איסור, און ס'וועט אודאי ברענגען השפעות און אלע ברכות.

## א זייגער איז א מעסטער

א זייגער איז א 'אינסטרומענט' וואס מעסט צייט, א געווענטליכע מעסטער מעסט 'שטח', און א זייגער מעסט 'צייט'. א זייגער 'מעסט' וואס דער מענטש טוט, א זייגער 'מעסט' 'פעולות', ווי לאנג יעדער 'פעולה' האט גענומען, ווי לאנג האט גענומען היינט די ארבעט, ווי לאנג האט גענומען די 'דף', ווי לאנג האט היינט גענומען די דאוונען, און אזוי ווייטער. אויך מעסט די זייגער ווי סאך שעות זענען שוין אדורעך אינעם טאג, ווי סאך האט זיך שוין די טאג גערוקט פון אנפאנג טאג ביז יעצט, און אזוי ווייטער.

די פוסקים אין הלכות שבת (סוף סימן ש"ח) האבן א שמועס צו א 'זייגער' איז א 'כלי שמלאכתו לאיסור', ווייל ס'איז געמאכט ל'מדידת הזמן'. פשט פון דעם איז אזוי ווי געשמועסט, אז די זייגער איז געמאכט פאר 'מדידות הזמן', צו מעסטן די 'פעולות', און צו מעסטן ווי סאך צייט ס'איז שוין אדורעך אינעם טאג, און אזוי ווייטער. און אזוי ווי א געווענטליכע מעסטער איז א 'כלי שמלאכתו לאיסור', ווייל ס'איז געמאכט צו מעסטן 'שטח', די זעלבע זאך איז א זייגער א 'כלי שמלאכתו לאיסור', ווייל ס'איז געמאכט צו מעסטן 'זמן'.

(די משנה ברורה דארטן אין סימן שח ס"ק קס"ח זאגט, אז זייגערס וואס מ'טראגט ארום ביי זיך, איז דער 'מנהג' אז ס'איז יא א 'כלי שמלאכתו להיתר'. ווייל נאר די גרויסע זייגערס וואס זענען אוועקגעשטעלט אויף א קביעות'דיגע פלאץ, זיי האבן א צורה ווי ס'איז אוועק געשטעלט צו טוהן א ארבעט, ס'איז אוועק געשטעלט פאר א 'עובדין דחול' פון מדידה, צו מודד זיין זמן, אבער א זייגער וואס מ'טראגט מיט זיך, האט מער א צורה פון 'שימוש', ווי ס'איז באקאנט אז ווי נענטער א מלאכה איז צום מענטש, איז דאס מער 'שימוש' און פארקערט ווי 'מלאכה').

## מקום וזמן

ס'איז דא 'מקום' און ס'איז דא 'זמן', 'מקום' איז 'סטעיבל', אלע זאכן אין די וועלט וואס זענען 'סטעיבל', זענען נכלל אין 'מקום' (למשל חפצים, שם דבר - **noun** וכדומה). זמן' איז פארקערט, 'זמן' איז נישט 'סטעיבל', און אלע זאכן אין די וועלט וואס זענען נישט 'סטעיבל' - יעדער שינוי ותנועה - איז אין כלל פון 'זמן' (למשל פעולות, פועל - **verb actions** וכדומה). איז א געווענטליכע מעסטער איז געמאכט צו מעסטן 'שטח', צו מעסטן 'סטאבילע' זאכן, און א 'זייגער' איז געמאכט צו מעסטן דוקא נישט סטאבילע זאכן, 'פעולות' און 'תנועות', זאכן וואס זענען נישט 'סטאביל'.

א זייגער איז א אויסשטעל פון תנועות מיט א שטארקע סדר, און דאס שטעלט מען אוועק פאר א 'כלל' אויף צו מעסטן אלע 'תנועות', פעולות און תנועות פונעם מענטש, פעולות און תנועות פון די בריאה, תנועות פון די זון, תנועות פון די ווינטן, אלעס מעסט מען דורעך די 'זייגער'. למשל אז מ'וויל מעסטן א 'הוריקען', מעסט מען עס לויט ווי סאך מייל ס'פארט א שעה, זיבעציג מייל פער שטונדע, הונדערט מייל פער שטונדע וכדומה, דאס הייסט אז מ'מעסט די ווינט אויף די שעה, מ'מעסט די 'תנועה' אויף די זייגער.

און אזוי איז דא פיל סארטן 'תנועות' וואס ווערן געמאסטן לפי די שעה, למשל די שנעלקייט פון א קאר פער שוטנדע, די שנעלקייט פון א פערד פער שטונדע וכדומה, יעדער 'תנועה' ווערט גערעכנט לויט ווי שנעל ער ריקט זיך אין א 'שעה' פון די ערשטן מצב זיינער, צו די צווייטע מצב.

'מעסטן' מיינט אז מ'נעמט א גרויסע זאך און מ'צטיילט עס אויף קלענערע, מ'צברעקלט עס אויף קלענערס כדי צו מקרב צו זיין צום מענטש, אז דער מענטש זאל עס קענען בעסער אנכאפן, און זעהן מער פונקטליכער.

למשל א 'שטח' פון דא ביז דארט, מעסט מען ווי סאך 'פיס' דאס איז, מ'צטיילט דעם שטח אויף 'פיס'. מ'נעמט א שטאט א גאס וכדומה, און מ'מעסט עס אפ ווי סאך מייל ס'גייט אריין אין דעם, און אזוי ווייטער. די מושג פון 'מעסטן' איז אלע מאל ווי סאך פון די קליינע, גייען אריין אינעם גרויסן.

און די זעלבע זאך איז אויך מיט 'מדידת הזמן', מ'נעמט א גרעסערע שטיק זמן, און מ'מעסט ווי סאך קלענערע שטיקלעך קענען אריין גיין אין דעם. למשל מ'נעמט דעם טאג, און מ'מעסט ווי סאך שעות גייען אריין אין דעם, מ'נעמט דעם שעה, און מ'מעסט ווי סאך מינוטין גייען אריין אינעם שעה. אלץ ווי סאך קלענערע קענען אריין גיין אינעם גרויסן (זעה אינעם פייטן אין יוצרת לשבת שקלים, 'וכמו נתן כיל לתולדות הארץ כן נתן קץ לימי הארץ', אז אזוי ווי מ'קען מעסטן שטח, אזוי קען מען אויך מעסטן צייט).

## היסטוריה פון שעות

ס'איז באקאנט אז אין תנ"ך טרעפט מען נישט די מושג 'שעות', מ'טרעפט 'ערב בוקר וצהרים', 'בהשכמה', 'רביעית היום', 'נשף', 'רד היום' וכדומה, אבער אין חז"ל'ס צייטן איז שוין געווען 'שעות', ווי מ'זעהט כסדר אין די משנה און אין גמרא, די זמן קרי"ש איז 'בשלש שעות', און אזוי ווייטער.

> **די זייגער איז געמאכט פאר 'מדידות הזמן', צו מעסטן די 'פעולות', און צו מעסטן ווי סאך צייט ס'איז שוין אדורעך אינעם טאג, און אזוי ווייטער**

אבער אפילו בימי חז"ל וואס ס'איז שוין געווען 'שעות', די טאג איז געווען איינגעטיילט אין שעות, אבער 'זייגערס' צו מעסטן די פונקטליכקייט פון די שעות, דאס איז נישט געווען, א 'שעה' בימי חז"ל האט געמיינט א פיר און צוואנציג'סטל פונעם טאג, און דער מענטש האט געדארפט אליינס שפירן די וויפעלטע שעה מ'האלט יעצט אויפן וועלט.

אביסל האט מען געקענט עס אויסרעכנען לויט די שאטן פון די זון, ווי די חז"ל זאגען 'מכי משחרי כותלי בית המקדש', וואס לפי זה האט מען געשאצט וויפעלטע שעה אין טאג מ'שטייט, צו מ'איז שוין א שעה צוויי דריי אינעם בוקר, א שעה צוויי דריי נאך חצות און אזוי ווייטער. און ס'פלעגט טאקע זיין אסאך טעותים אין דעם, ווי די גמרא זאגט אין פסחים אז א מענטש קען זיך טועה זיין צוויי דריי שעה, אויף אהין און אויף צוריק.

אין חז"ל טרעפט מען א אינטערעסאנטע סארט 'זייגער', אז זייגער וואס האט געארבעט אויף 'שיעור הליכה', ס'איז די געדאנק פון א זייגער וואס האט געארבעט אויף 'הליכה'. מ'האט געוואוסט ווי לאנג ס'נעמט צו גיין א 'מיל' אדער א 'פרסה' אין א 'הליכה בינוני', און דאס האט מען גענוצט כאילו ווי א זייגער, אויב 'פערציג מיל' איז די 'שיעור הליכה' פון א טאג, האט מען לויט דעם געקענט אויסרעכענען אנדערע זאכן. ווי למשל די 'שיעור חימוץ' און די 'שיעור מליחה' און די שיעור פון נאכגיין נאך וואסער לתפלה וכדומה.

און מ'איז געווען שטארק געוואוינט אין דעם, מ'האט געהאט די 'הרגש' ווי לאנג די גיין דארף צו נעמען, מ'האט געהאט דעם הרגש וואס דאס מיינט א הליכה פון א 'מיל', ווי לאנג ס'נעמט צו

גיין א 'פרסה', און לויט דעם האט מציין געווען אז צו טון דאס און דאס, נעמט אזוי לאנג ווי ס'נעמט צו גיין א 'מיל', אדער ווי ס'נעמט צו גיין א פרסה. (ענדליך צו דעם וואס מענטשן זענען רגיל מציין צו זיין אין בורא פארק 'אזוי לאנג ווי צען בלאקס', אדער מענטשן זענען מציין זיין מיט זייער געגענט, 'אזוי לאנג ווי פון אנפאנג שטאט ביז סוף שטאט', און געוועהנטליך פארשטייען די שומעים בערך וואס דאס מיינט).

## היסטוריה פון זייגערס

די ערשטע זייגערס וואס מ'ווייסט זענען געווען "וואסער זייגערס", אדער 'זאמד זייגערס', די וואסער זייגער ארבעט אז ס'רינט אריין טראפנס וואסער פון איין 'כלי' צו די אנדערע 'כלי', און לויט דעם האט מען געשאצט ווי סאך צייט ס'איז אריבער. אבער דאס האט געהאט א שטארקע פראבלעם, ווייל די טבע פון וואסער אז ווי פילער די 'כלי' איז, וועט די וואסער שנעלער ארויסרינען צוליב די פרעשער.

ענדליך צו דעם איז געווען די 'זאמד זייגער', וואס די זאמד ברעקלעך אדער זאלץ ברעקלעך זענען גרינען פון דער אויבירשטע שיסל, צו די אונטערשטע שיסל, דורכגייענדיג א שמאלע עפענאנג, און ווען די אונטערשטע האט זיך אנגעפילט, האט מען געוויסט אז ס'איז אריבער א שעה וכדומה, און מ'האט עס איבערגדרייט פאר נאך א שעה, און אזוי איז עס געגאנגען אהין און צוריק.

אויך איז געווען א 'לעכט זייגער', מ'האט אנגעצינדן א לעכטל אין א 'כלי' וואס איז געווען אויסגערעכנט מיט ליינס און צייכנעס, וואס זענען געווען געצייכנט לויט די שעות וכדומה, און ווען די לעכטל האט אויסגעברענט ביז אהין, האט מען געוויסט וויפעל אזייגער ס'איז, אז ס'איז שוין אדורך א 'שעה' וכדומה.

אויך איז געווען די 'זון זייגערס', וואס מתחלה איז עס געווען גאנץ פשוט, מ'האט אויפגעשטעלט א שטעקן אנטקעגען די זון, די זון גייט דאך אויף 'דרום' זייט, איז ממילא די שאטן פונעם שטעקן געפאלן אויף 'צפון' זייט. און דאס איז געווען די וועג אין 'בית המקדש', אז מ'פלעקט אויסרעכן די שעות לויט די שאטן פון די וואנט פון בית המקדש, ווי די גמרא זאגט 'מכי משחרי כותלי בית המקדש'.

די 'זון זייגער' פלעגט האבן עטליכע שטארקע שוועריגקייטן, ווייל די זון איז נישט אלעמאל פונקטליך אין הימל, ס'ווענט זיך זומער און ווינטער, זומער איז די זון מער איבערן קאפ, און ווינטער איז די זון מער אראפ צו דרום צו (אויך די שטעקן אינדערמיט וואס ווארפט די שאטן, דארף זיין שיף צו 'צפון' צו, געוואנדען לויט וועלכע פלאץ מ'געפינט זיך אויפן וועלט, לויט וויפעל 'מעלות' מ'איז העכער די אקוועיטיר. און אין פארלויף פון די דורות איז אריינגעלייגט געווארן אסאך כוחות אין דעם, צו מאכן א פונקטליכע זון זייגערס).

נאך א שטארקע פראבלעם איז געווען מיט די זון זייגערס, אז ביינאכט ווען מ'האט נישט געהאט די זון, איז נישט שייך געווען צו וויסן די צייט, און ווי מ'זעהט אין גמרא (ברכות דף ג) האט מען ביינאכט טאקע נישט געוויסט וויפל אזייגער ס'איז, מ'האט געמאכט סימנים ווען ס'טוישן זיך די משמורות, משמורה ראשונה חמור נוער וכו', וואס לויט דעם האט מען געקענט א משהו אויסרעכנען ווי מ'שטייט אויפן וועלט.

פאר א פאר הונדערט יאר צוריק איז ארויסגעקומען די 'אנציער זייגערס', וואס ס'האט געארבעט אז מ'האט אנגעצויגען א ספרינג, און דער ספרינג האט זיך שטייטלך אויפגעלאזט, און דאס האט אריינגעברענגט א כח התנועה אינעם זייגער. ס'איז געווען די גרויסע שטאטישע זייגער, וואס איז געווען אינדערהייעך ביים מארק פלאץ, ווי מ'זעהט נאך היינט די הויכע טארעמעס אויסגעשפרייט אין אייראפע, שפעטער האט מען אנגעפאנגען צו מאכן אויך קלענערע פון דעם, וואס דאס האט געהייסן 'טאשן זייגערס'.

די אנציער זייגער פלעגט מען על פי רוב דארפן אנצוען יעדע פיר און צוואנציג שעה, אנדערע פלעגט מען קענען אנצוען אויף א וואך. די פוסקים רעדן אסאך פון די 'אנצוער זייגערס', צו מ'מעג עס אנצוען אין שבת ויום טוב, צו איז דאס אין כלל פון 'תיקון מנא', און דער משנה ברורה (סימן שלח) פסק'נט, אז אויב ציט מען עס אהן בשעת די זייגער ארבעט נאך, דאן קען מען מקיל זיין דאס אנצוציען 'בשעת הדחק גדול' און 'לצורך חולה'. (בפרט איז עס געווען וויכטיג פאר יום טוב שני ווייל ס'האט זיך אפגעשטעלט נאך פיר און צוואנציג שעה. און ס'איז דא וואס האלטן טאקע אז יום טוב שני קען מען מער מקיל זיין).

יארן שפעטער האט מען געמאכט די 'טאשן זייגערס', 'אנצוער זייגערס' וואס מ'קען מיט נעמען ביי זיך אין טאש. און די פוסקים רעדן ארום פון דעם ביי הלכות הוצאה (הלכות שבת סימן שא), צו ס'איז דא ביי דעם א איסור הוצאה שבת, ווי ס'איז מבואר באריכות אין ביאור הלכה אין סימן שא וואס ער פסק'נט אז ס'איז יא דא ביי דעם איסור הוצאה.

שפעטער נאכן מלחמה איז ארויסגעקומען די 'האנט זייגערס', וואס ביי דעם איז אויך א גרויסע נושא ביי די גדולי אחרונים צו ס'איז דא ביי דעם די איסור פון 'הוצאה', די ליטווישע זענען מער מקיל אין דעם, וויבאלד ס'נעמט ארום די הענט 'כדרך מלבוש' (אפילו ער איז נישט מכוין ס'זאל אים מלבוש זיין, אבער ס'איז 'כדרך מלבוש', ס'נעמט ארום די הענט), ווי ס'איז מבואר בשם דער אגרות משה און רשז"א, און בפרט אויב ס'איז שיין כדרך תכשיט. אבער די חסידישע זענען בדרך כלל מחמיר אין דעם, אז ס'איז יא דא ביי דעם די איסור הוצאה (ביי חסידים האט מען סתם מרחיק געווען די זייגערס אלץ די מאדערנקייט דערפון, אבער אין הלכות הוצאה איז דאס א עקסטערע זאך אז מ'זעהט די חסידים זענען מער מחמיר אין דעם).

היינטיגע צייטן איז דער 'זייגער' צושפרייט ווי מ'שטייט און מ'גייט, אויף אלע ווענט, אויף אלע טישן, און אין אלע טאשן, איבעראל זענען זיי פארהאנען, אויף די קאמפיאטערס און אויף די סעלפון'ס. איבעראל שרייט דער 'זייגער' ארויס זיין מעסידזש, דער יוד דערהערט אז ער דארף אויסצונוצן די צייט פאר עבודת השם, דער יוד דערהערט די טייערקייט פון צייט, ווי סאך מצוות גייט אלץ אריין אין איין מינוט וכו', און א דאנק דער זייגער קען ער אויסרעכנען יעדער רגע פאר עבודת השם (און אזוי איז דא נאך פיל ענינים וואס די ספרים הקדושים האבן לערנען-געקענט פונעם זייגער, למשל אז די צייט איז א זאך וואס דרייט זיך קיינמאל נישט אויף צוריק, און אזוי ווייטער).


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עילוי י.ב. +972-52-763-3424